בעזהשי"ת

# קונְטְרֵס

# הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין קִינְד

דֶער קוּנְטְרֵס אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק דִי עֶלְטֶערְן רַחֲמָנוּת צוּ הָאבְּן אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען זֵיי חֲתוּנָה צוּ מַאכְן וִוי פְרִיעֶר. ווִי אוֹיךְ וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט אִינֶעם קוּנְטְרֵס פַארְוָואס אַזוֹיפִיל קִינְדֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַוֶועק, אוּן פַארְוָואס קִינְדֶער זֶענֶען חוּצְפָּה'דִיג קֶעגְן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן גֶעבְּט עֵצוֹת אוּן חִזוּק וִוי אַזוֹי צוּ רַאטֶעוֶוען אוּן אָפְּהִיטְן דִי קִינְדֶער.

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים" פוּן הָרַב הַגָאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵייליגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ
רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ
רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין קִינְד

## א.

וֶוען קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער, זֵיי קוּמֶען אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע צֶענֶערְלִינְגֶען (טִינְעֶידְזְשׁ) יָארְן, אִיז דָאס פִּיל מָאל אַ שְׁוֶועֶרֶע צַייט פַאר דִי עֶלְטֶערְן. וִוי עֶלְטֶער דִי קִינְדֶער וֶוערְן, אַלְץ שְׁוֶועֶרֶער וֶוערְט עֶס פַאר דִי עֶלְטֶערְן זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט זֵיי. פִּילֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, דִי קִינְדֶער ווִילְן זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי וֶוערְן חוּצְפָּה׳דִיג, זֵיי מַאכְן אָן

פְּרָאבְּלֶעמֶען און צָרוֹת; און דִי עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס צוּ בַּאהַאנְדְלֶען, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז מִיט דִי קִינְדֶער, און זִיכֶער נִישְׁט וָואס עֶס אִיז דֶער לֶעזוּנְג דֶערְצוּ.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז גֶעוֶוענְלִיךְ קוּמְט דָאס פוּן דֶעם וָואס דִי קִינְדֶער דַארְפְן שׂוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן. דִי עֶלְטֶערְן טְרַאכְטְן אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶענוּג רֵייף דִי צַייט פַאר דִי קִינְדֶער חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, וַוייל זֵיי זֶעעֶן דָאךְ אַז דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף שֵׂיין, און זֵיי קְלֶערְן אַז מִיט אַזַא ווִילְדֶע אוֹיפְפִירוּנְג וֶועלְן זֵיי זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט רִיכְטִיג, דֶער אֱמֶת אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי גַאנְצֶע אוּרְזַאךְ פוּן זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע אוֹיפְפִירוּנְג אִיז נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, און וֶוען זֵיי וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן בְּשָׁעָה

טוֹבָה וּמוּצְלַחַת וֶועלְן זֵיי זִיךְ בַּארוּאִיגְן, אַלֶעס וֶועט וֶוערְן מְסוּדָר אוֹיפְ׳ן בֶּעסְטְן אוֹפָן, אוּן זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן.

חֲזַ״ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין פ״ב.) ״הָאָב חַיָּיב לְהַשִּׂיאָם אִשָּׁה״, אַ טַאטֶע אִיז מְחוּיָּב חֲתוּנָה צוּ מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז וואוּ חֲזַ״ל דְרוּקְן זִיךְ אוֹיס ״חַיָּיב״, מֵיינְט דָאס אַז מֶען דַארְף דָאס מְקַיֵּים זַיין אֲפִילוּ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ. וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבּוֹירְן זִין אוּן טֶעכְטֶער, אוּן זֵיי וַואקְסְן אוֹיף; דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן זֶען זֵיי חֲתוּנָה צוּ מַאכְן וִוי פְּרִיעֶר.

דִי עֶלְטֶערְן כַּאפְּן נִישְׁט וִוי ווִיכְטִיג עֶס אִיז זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן וִוי פְּרִיעֶר, דִי עֶלְטֶערְן טְרַאכְטְן

אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט יָאגְן חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער אַזוֹי שְׁנֶעל, וַוייל זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט אוּן שְׁפִּירְן נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק דִי קִינְדֶער דַארְפְן דָאס הָאבְּן, עֶס קֶען אוֹיסְזֶעען וִוי דִי קִינְדֶער יָאגְן זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט, זֵיי זֶעעֶן נָאכְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דִי קִינְדֶער שֶׁעמֶען זִיךְ פָּשׁוּט צוּ זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז זֵיי ווִילְן שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, דָאס אִיז דֶער נַאטוּר פוּן אַ קִינְד אַז עֶר וֶועט גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט זָאגְן אָפְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִים. אוֹיסֶער דֶעם וָואס דָאס קִינְד צִיטֶערְט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר יָא פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי עֶלְטֶערְן אַז זֵיי זָאלְן אִים שׁוֹין חֲתוּנָה מַאכְן, וֶועלְן זֵיי אִים נָאךְ אָנְשְׁרֵייעֶן אוּן אַרַיינְגֶעבְּן אַ פְּסַק: "דוּ בִּיזְט נָאכְנִישְׁט גֶענוּג עֶרְוַואקְסְן", "דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נָאךְ מַשְׁלִים זַיין אִין לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה", "דוּ

דַארְפְסְט נָאךְ אַרְבֶּעטְן אַלְס מֵיידְל", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

יֶעדֶער טַאטֶע אוּן מַאמֶע הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זֵייעֶר קִינְד, עֶלְטֶערְן ווילְן נָאר זֶען דָאס בֶּעסְטֶע פַאר זֵייעֶרע קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן טוּן אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס וָואס זֵיי דַארְפְן. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, דֶעמָאלְט זֶענֶען אַסַאךְ עֶלְטֶערְן פַארְנַאכְלֶעסִיגְט, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וִוי וִויכְטִיג דָאס קִינְד דַארְף עֶס הָאבְּן, וִוי וִויכְטִיג דָאס אִיז פַאר זֵייעֶר הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ל"ב, ז') "שְׁאַל אָבִיךָ וְיַגֵּדְךָ, זְקֵנֶיךָ וְיֹאמְרוּ לָךְ". פַארְוָואס זָאלְן מִיר אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי מְסוֹרָה? פַארְוָואס זָאלְן מִיר זִיךְ פִירְן

אַנְדֶערְשׁ פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן אוּר עֶלְטֶערְן? עֶרְלִיכֶע אִידְן אִין אַלֶע דורות פְלֶעגְן אַלְץ חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער וִוי פְרִיעֶר אוּן וִוי יוּנְגֶער.

סְפֶּעצִיעֶל הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען דִי גַאס אִיז אַזוֹי בְּרֵייט אָפְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג פַאר קִינְדֶער צוּצוּקוּמֶען צוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע וָואס עֶס אִיז נָאר פַארְהַאן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. וִוי אַזוֹי קֶענֶען עֶלְטֶערְן שְׁלָאפְן רוּאִיג אִין אַזַא צַייט? דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנָה פַאר דִי קִינְדֶער. מֶען הֶערְט אַזוֹיפִיל פוּן קִינְדֶער וֶועלְכֶע פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁטָא אַ מִשְׁפָּחָה וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן אֵיין קִינְד אָדֶער עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעגְלִיטְשְׁט פוּן וֶועג אוּן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז עֶר אִיז

פַארְזִיכֶערְט אַז בַּיי זַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּאסִירְן. און וֶוען אֵיין קִינְד הוֹיבְּט אָן גְלִיטְשְׁן, קֶען עֶר נָאךְ מִיטְשְׁלֶעפְּן מִיט זִיךְ נָאךְ גֶעשְׁוִויסְטֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט דִי אוֹיגְן אָפְּן און הַאלְט מִיט וָואס עֶס טוּט זִיךְ לֵיידֶער אָפּ הַיינְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר בַּאגְרָאבְּט נִישְׁט זַיין קָאפּ אִין זַאמְד זִיךְ אַיינְצוּרֶעדְן אַז אַלֶעס אִיז פֵיין און וואוֹיל און עֶס זֶענֶען נִישְׁט דָא קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעדַארְפְט אַרוּמְגֵיין טָאג און נַאכְט נָאר מִיט אֵיין מַחְשָׁבָה: "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ חֲתוּנָה מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער וִוי שְׁנֶעלֶער? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר זֵיי וִוי שְׁנֶעלֶער? דָאס אִיז דָאךְ דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען רַאטֶעוֶוען מַיינֶע קִינְדֶער!"

## ב.

לָאמִיר אַבִּיסְל צוּנֶעמֶען און בַּאטְרַאכְטְן פון דֶער נָאנְט עֶטְלִיכֶע גַאנְגְבַּארֶע תִּירוּצִים מִיט וָואס עֶלְטֶערְן בַּאנוּצְן זִיךְ צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג קֶעגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי נִישְׁט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן וִוי שְׁנֶעלֶער.

א) "מַיין קִינְד אִיז נָאךְ זֵייעֶר יוּנְג, פַארְוָואס זָאל אִיךְ אִים פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט שִׁידוּכִים? פַארְוָואס זָאל אִיךְ אַזוֹי שְׁנֶעל אַרוֹיפְלֵייגְן אַזַא שְׁוֶוערֶע עוֹל אוֹיף זַיינֶע יוּנְגֶע פְּלֵייצֶעס?"

דָאס אִיז אַ תֵּירוּץ וָואס מֶען הֶערְט פוּן גָאר אַסַאךְ עֶלְטֶערְן, און עֶס הֶערְט זִיךְ אוֹיבְּנְאוֹיף זֵייעֶר גוּט, פַארְוָואס טַאקֶע זָאל מֶען בַּאמוּטְשֶׁען דִי קִינְדֶער אַזוֹי יוּנְג?

דָאס אִיז אָבֶּער אַ פָּשׁוּטֶער לִיגְנְט. עֶלְטֶערְן וָואס זוּכְן טַאקֶע דִי טוֹבָה פוּן זֵייעֶר קִינְד דַארְפְן וִויסְן דֶעם אֱמֶת אַז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ פַארְ'ן קִינְד אִיז חַתוּנָה צוּ הָאבְּן וִוי פְרִיעֶר. עֶס אִיז אַזַא שְׁוֶועֶרֶע וֶועלְט הַיינְט צוּ טָאגְס, קִינְדֶער זֶענֶען יֶעדֶע רֶגַע אִין אַ סַכָּנָה נִישְׁט צוּ פַארְכַאפְּט וֶוערְן אִין פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן וָואס זַיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְזֶען זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ פַאר זַיי אִיז צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, צוּ חַתוּנָה הָאבְּן, אוּן זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִּיס.

דָאס וַוארְטְן נָאךְ עֶטְלִיכֶע יָאר, וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן אַז דֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל זָאל וֶוערְן מֶער רֵייף חַתוּנָה צוּ הָאבְּן. פַארְקֶערְט, דָאס זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן אַזוֹיפִיל יָארְן פַאר דִי חַתוּנָה בְּרֶענְגְט נָאר אָן פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס שְׁטֶערְן נָאךְ מֶער דִי

קִינְדֶער פוּן זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה. זֵיי פַאלְן אַרַיין אִין שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן וֶועלְכֶע רַייסְן אוֹיס דֶעם מֹחַ, אוּן דָאס שְׁטֶערְט זֵיי נָאכְדֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין לֶעבְּן. וֶוען זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה יוּנְגֶערְהֵייט, מִיט אַ רֵיינֶעם אוּן קְלָארְן מֹחַ, וֶועלְן זֵיי פִיל גְרִינְגֶער אוּן בֶּעסֶער זִיךְ מְסַדֵר זַיין נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם.

חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ע"ו:) "הַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, וְהַמַשִׂיאָן סָמוּךְ לְפִּרְקָן, עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ". וֶוער עֶס צִיט אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אוּן פִירְט זֵיי אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן עֶר מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה פְרִי אוּן בַּאצַייטְנְס, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט דֶער פָּסוּק אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם אוּן פְרִידְן אִין זַיין הוֹיז. וֶוען דִי קִינְדֶער הָאבְּן חֲתוּנָה יוּנְג, שְׁפָּארְט מֶען זִיךְ אֵיין אַסַאךְ צָרוֹת אוּן עַגְמַת

נֶפֶשׁ סַיי פַאר דִי קִינְדֶער אוּן סַיי פַאר דִי עֶלְטֶערְן. דִי הוֹיז בְּלַייבְּט רוּאִיג אוּן גֶעשְׁמַאק, פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (פְּסָחִים קי״ג) ״בִּתְּךָ בָּגְרָה, שַׁחְרֵר עַבְדְּךָ וְתֵן לָהּ״ – וֶוען דַיין טָאכְטֶער וַואקְסְט אוֹיף, זָאלְסְטוּ בַּאפְרֵייעֶן דַיין קְנֶעכְט אוּן אִיר חֲתוּנָה מַאכְן מִיט אִים. דָאס מֵיינְט אַז וִוי נָאר דִי מֵיידְל וַואקְסְט אוֹיף, דַארְף מֶען גְלַייךְ טְרֶעפְן פַאר אִיר אַ שִׁידוּךְ אוּן אִיר חֲתוּנָה מַאכְן, אוּן אוֹיבּ טְרֶעפְּט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ אַ שִׁידוּךְ, זָאל מֶען אֲפִילוּ בַּאפְרֵייעֶן דֶעם קְנֶעכְט אַז עֶר זָאל חֲתוּנָה הָאבְן מִיט אִיר, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע טוֹבָה וָואס מֶען קֶען טוּן פַאר אִיר. חֲזַ״ל דֶערְצֵיילְן (קִדוּשִׁין כ״ט:) אַז רַב חִסְדָא הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן אוּן גֶעזָאגְט: ״דָאס וָואס אִיךְ בִּין גְרֶעסֶער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים, אִיךְ הָאבּ מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶועְן פוּן זֵיי, אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר. אוּן וֶוען אִיךְ

וָואלְט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי פֶּערְצְן יָאר, וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען נָאךְ גְרֶעסֶער, אִיךְ וָואלְט בִּכְלַל נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע״. זֶעט מֶען וָואסֶערֶע טוֹבָה עֶס אִיז פַאר דִי קִינְדֶער, וִוי גוּט עֶס אִיז פַאר זֵיי, וֶוען מֶען מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה וִוי שְׁנֶעלֶער.

נָאךְ מֶער אִינְטֶערֶעסַאנְט זֶעט מֶען, אַז דֶער תֵּירוּץ - אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ צוּ יוּנְג - קֶען מֶען הֶערְן אוֹיךְ פוּן עֶלְטֶערְן וָואס זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין אִיבֶּער דִי צְוָואנְצִיג. וָואס אוֹיף דֶעם זָאגְן שׁוֹין דִי חֲזַ״ל (קִדּוּשִׁין כ״ט:) אַז אֵיינֶער וָואס אִיז אַרִיבֶּער דִי צְוָואנְצִיג יָאר אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶועט עֶר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבְּן הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה, עֶר וֶועט טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אוּן דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶע זַאךְ, חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא כ״ט:) ״הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה״, דָאס טְרַאכְטְן פוּן

עֲבֵירוֹת אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין. אוּן דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אַזוֹי לַאנְג, אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז עֶר זָאל טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעווָאוֹינְט פַאר אַזוֹיפִיל יָארְן צוּ לִיגְן אִין דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, צוּ טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, וֶוערְט דָאס שׁוֹין בַּיי אִים וִוי אַ נַאטוּר אוּן עֶס אִיז אִים שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן דֶערְפוּן, נָאר אוֹיבּ עֶר וֶועט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן עֶלְטֶערְן וִויסְן אַז דָאס אִיז אַ פַאלְשֶׁע רַחֲמָנוּת, דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין טוֹבָה פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען לָאזְט זֵיי זִיךְ עֶלְטֶערְן. פַארְקֶערְט, דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה פַאר זֵיי אִיז וֶוען מֶען מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה וִוי שְׁנֶעלֶער אוּן וִוי יוּנְגֶער.

ב) "אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ מַיינֶע קִינְדֶער, און אִיךְ וִויל זֵיי נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן פוּן מִיר אַזוֹי שְׁנֶעל. אִיךְ וִויל אַז זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן אַבִּיסְל מִיט מִיר אִין מַיין הוֹיז פַאר נָאךְ עֶטְלִיכֶע יָאר"

דָאס אִיז אוֹיךְ אַ תֵּירוּץ וָואס מֶען קֶען הֶערְן פוּן טֵייל עֶלְטֶערְן. דָאס אִיז אָבֶער אוֹיךְ אַ טָעוּת, אַזֶעלְכֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין לִיבּ, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ דִי קִינְדֶער. וֶוען זֵיי וָואלְטְן לִיבּ גֶעהַאט דִי קִינְדֶער, וָואלְטְן זֵיי נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער, וָואס עֶס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פַאר דִי קִינְדֶער. זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע הַנָאָה אַז עֶס שְׁמֶעקְט זֵיי צוּ הַאלְטְן דִי קִינְדֶער לֶענְגֶער אִינְדֶערְהֵיים.

אוֹיף אַזַא סָארְט לִיבְּשַׁאפְט זָאגְט דֶער פָּסוּק (אֵיכָה ד׳, י׳) "יְדֵי נָשִׁים רַחֲמָנִיּוֹת בִּשְּׁלוּ יַלְדֵיהֶן" –

רַחֲמָנוּת׳דִיגֶע פְּרוֹיעֶן הָאבְּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט אָפְּגֶעקָאכְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לִיבְּשַׁאפְט, דָאס אִיז נָאר אַכְזָרִיוּת. מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער זִיךְ בְּרָאטְן אוּן בְּרֶענֶען אִין זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת אוּן אִין זֵייעֶרֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, מִיט דֶעם פַאלְשְׁן אוֹיסְרֵייד אַז מֶען הָאט זֵיי זֵייעֶר לִיבּ.

אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע וָואס הָאבְּן אֱמֶת׳דִיג לִיבּ זֵייעֶר קִינְד, וֶועלְן טוּן אַלֶעס וָואס מֶעגְלִיךְ זֵיי חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי פְּרִיעֶסְטֶע וָואס מֶעגְלִיךְ. אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן זֵיי וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען הָאט זֵיי טַאקֶע זֵייעֶר לִיבּ אוּן דֶערִיבֶּער שְׁטְרֶענְגְט מֶען זִיךְ אָן אַזוֹי שְׁטַארְק זֵיי חֲתוּנָה צוּ מַאכְן וִוי פְּרִיעֶר. אוּן דַאן וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי כ״ז, י״ט) ״כַּמַיִם הַפָּנִים לַפָּנִים כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם״, דִי קִינְדֶער וֶועלְן

אוֹיףְ אֶמֶת׳דִיג לִיבּ הָאבְּן דִי עֶלְטֶערְן, זֶעעֶנְדִיג וְוִי שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶעבְּן זַיי זֶענֶען פַאר זַיי.

ג) ״עֶס קָאסְט אַזוֹיפִיל גֶעלְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָאס גֶעלְט. וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אֲפִילוּ טְרַאכְטְן פוּן אַ שִׁידוּךְ טוּן, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָאס גֶעלְט פַאר דֶעם״

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע קֻשְׁיָא: ״פוּן וואוּ נֶעם אִיךְ דָאס גֶעלְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן?״. עֶס אִיז אָבֶער דָא נָאךְ פִיל שְׁטֶערְקֶערֶע קַשְׁיוֹת; וֶוער זָאגְט אַז מֶען מוּז חֲתוּנָה מַאכְן אוֹיף דִי טֵייעֶרְסְטֶע וֶועג? וֶוער זָאגְט אַז מֶען מוּז זִיךְ אוֹיפְרַייסְן אוּן וַוייזְן פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וָואסֶערֶע טֵייעֶרֶע אוּן שֵׁיינֶע חֲתוּנָה מֶען הָאט אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט? וֶוער זָאגְט אַז מֶען מוּז מַאכְן אַזַא גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה אוּן לַאדֶענֶען דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט? וֶוער זָאגְט אַז מֶען מוּז אַיינְקוֹיפְן טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת?

װֶוער זָאגְט אַז מֶען דַארְף אוֹיסְגֶעבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר זַייטִיגֶע נַארִישְׁקֵייטְן און אִיבְּרִיגֶע זַאכְן בְּלוֹיז וַוייל דָאס װֶועט בְּרֶענְגֶען מֶער כָּבוֹד? װֶוער זָאגְט אַז מֶען מוּז מַאכְן דִי חֲתוּנָה אִין אַ טֵייעֶרֶע זַאל? װֶוער זָאגְט אַז אַ חֲתוּנָה דַארְף קָאסְטְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט?

מֶען קֶען מַאכְן אַ בַּאשֵׁיידֶענֶע און שְׁפָּארְזַאמֶע חֲתוּנָה, אִין אַ פָּשׁוּטֶע זַאל, אָן קַיין טֵייעֶרֶע אוֹיסְגַאבְּן. מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען מֶען זִיךְ שְׁפָּארְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט, מֶען קֶען אַזוֹיפִיל אַרָאפְּשְׁנַיידְן פוּן דִי הוֹצָאוֹת װָאס עֶס אִיז הַיינְט אַיינְגֶעפִירְט בַּיי חֲתוּנוֹת. און אוֹיף דֶעם װֶועג קֶען מֶען רוּאִיג חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אָן קַיין דַאֲגוֹת, און דִי קִינְדֶער מִיט דִי עֶלְטֶערְן צוּגְלַייךְ װֶועלְן זִיךְ מְחַיֶה זַיין, און נִישְׁט דַארְפְן װֶוערְן פַארְזִינְקֶען אִין שְׁװֶוערֶע חוֹבוֹת.

אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט יָא דָאס גֶעלְט צוּ מַאכְן אַ רַייכֶע טֵייעֶרע חֲתוּנָה, אִיז אוֹיךְ אַ נַארִישְׁקֵייט אוֹיסְצוּגֶעבְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט אוֹיף דִי חֲתוּנָה. עֶס לוֹינְט זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ צוּ מַאכְן אַ בַּאשֵׁיידֶענֶע חֲתוּנָה, אוֹיף דִי מֶערְסְטֶע פָּשׁוּט׳סְטֶע וֶועג. און דִי גֶעלְט וָואס מֶען הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפָּארְט בַּיי דִי חֲתוּנָה, זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְן פַאר דֶעם פְרִישְׁן פָּאר-פָאלְק אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִיס און אָנְהוֹיבְן זֵייעֶר נַייעֶר לֶעבְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט, וִויסְנְדִיג אַז זֵיי הָאבְן פַּרְנָסָה פַאר אַ שְׁטִיק צַייט.

דָאס אִיז אַ שְׁוַואכֶער תֵּירוּץ. דָאס חֲתוּנָה מַאכְן רַייךְ און טֵייעֶר אִיז בְּלוֹיז פַאר כָּבוֹד און פַאר ׳וָואס וֶועט יֶענֶער זָאגְן׳. אוֹיב וִויל מֶען אֱמֶת׳דִיג דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער, וֶועט מֶען נִישְׁט וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג,

נָאר שְׁנֶעל אַ שִׁידוּךְ טוּן, אוּן מַאכְן דִי חֲתוּנָה אוֹיף אַ בִּילִיגֶע וֶועג.

ד) "אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן אַ פַּאסִיגֶער שִׁידוּךְ פַאר מַיין קִינְד. מֶען טְרָאגְט מִיר אָן שִׁידוּכִים, אָבֶער קַיין אֵיינְס פוּן זֵיי זֶעט נִישְׁט אוֹיס גֶענוּג פַּאסִיג פַאר אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה"

דָאס אִיז אַ תֵּירוּץ וָואס מֶען הֶערְט פוּן רוֹב עֶלְטֶערְן, זֵיי ווילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, וָואס קֶענֶען זֵיי אָבֶער טוּן אַז עֶס קוּמְט נִישְׁט אוּנְטֶער עֶפֶּעס אַ גוּטֶער שִׁידוּךְ? מֶען טְרָאגְט נִישְׁט אָן עֶפֶּעס אַ רִיכְטִיגֶער לַייטִישֶׁער שִׁידוּךְ וָואס זָאל זַיין שֵׁיין אוּן פַּאסִיג.

דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר פַאר וֶועמֶען אִיז דֶער שִׁידוּךְ נִישְׁט גֶענוּג פַּאסִיג? פַאר וֶועמֶען אִיז דֶער שִׁידוּךְ נִישְׁט גֶענוּג לַייטִישׁ? אִיז דָאס טַאקֶע פַאר דֶעם

בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל? אָדֶער אִיז עֶס נִישְׁט גֶענוּג פַּאסִיג פַאר דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְכֶע וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אוֹיפְטוּעֶן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעטוּעֶן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע ׳בָּאמְבֶּע׳ שִׁידוּךְ, וָואס יֶעדֶער וֶועט רֶעדְן דֶערְפוּן?

גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז דֶער אֱמֶת דִי צְוֵוייטֶע וֶועג, דִי עֶלְטֶערְן קוּקְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶע כָּבוֹד אוּן הַנָאָה, אוּן כָאטְשׁ וָואס דִי קִינְדֶער וִוילְן שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט דַוְקָא אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ בַּאקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע יִחוּס, מִיט אַ שֵׁיינֶע נָאמֶען, אוּן דָאס גְלַייכְן, וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן אָבֶּער וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן, אוּן אוֹיפְהַאלְטְן דִי קִינְדֶער פַאר לַאנְגֶע יָארְן, בִּיז זֵיי וֶועלְן אַפִּירְקְרַאצְן עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע שִׁידוּךְ וָואס וֶועט בְּרֶענְגֶען פִיל כָּבוֹד אוּן שֶׁעצוּנְג פַאר זֵיי, זֵיי וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְטוּן פַאר זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים אוּן פַאמִילְיֶע אַז זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן

אַזַא שֵׁיינֶע שִׁידוּךְ; אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פְּרֶעגְלֶען זִיךְ דִי קִינְדֶער אִין עֲבֵירוֹת, זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט צַעַר אוּן יִסוּרִים, וַוייל זֵיי וָואלְטְן גֶערְן גֶעקֶענְט בַּאשְׁטֵיין צוּ נֶעמֶען סַיי וֶועלְכֶע נָארְמַאלֶע שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזַא שֵׁיינֶע נָאמֶען אוּן מְכוּבָּדִ׳יגֶע מִשְׁפָּחָה.

חֲזַ״ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס״ג.) ״נָחִית דַרְגָא וְנָתִיב אִתְּתָא״, גֵיי אַרָאפּ אַ טְרֶעפְּל אוּן טְרֶעף אַ שִׁידוּךְ. עֶלְטֶערְן הַאלְטְן אַז זֵיי זֶענֶען אַ שֵׁיינֶע נָארְמַאלֶע מִשְׁפָּחָה מִיט אַ שֵׁיינֶע יִחוּס, אַלֶעס קְלַאפְּט בַּיי זֵיי זֵייעֶר גוּט, אוּן דֶערִיבֶּער ווִילְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן צוּ נֶעמֶען אַ שִׁידוּךְ וָואס פַּאסְט נִישְׁט פַאר זֵיי. וֶוען אַ מֶענְטְש זָאל אָבֶּער קוּקְן מִיט אַן אֱמֶת אוֹיג, עֶר זָאל זִיךְ אַרַיינְקוּקְן אִין שְׁפִּיגְל אוּן זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן צוּ זֶען אוּן ווִיסְן דֶעם אֱמֶת וֶוער עֶר

אִיז, אוּן וָואסֶערֶע מִשְׁפָּחָה עֶר הָאט, דַאן וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעוֶועלְט בַּיי שִׁידוּכִים. פַארְקֶערְט, עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעפְרֵייט צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס וִויל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִים. "יֶענֶער אִיז מַסְכִּים זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט מִיר?! אִיךְ וֵויס דָאךְ יָא דֶעם אֱמֶת וֶוער אִיךְ בִּין, אוּן אוֹיבּ יֶענֶער אִיז מַסְכִּים זִיךְ מְשַׁדֵךְ צוּ זַיין מִיט מִיר, וֶועל אִיךְ זִיכֶער מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם".

דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, דָאס אִיז נָאר פוּן דֶעם וָואס עֶר רֶעדְט זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס אַזוֹי סְפֶּעצִיעֶל אוּן גֶעלוּנְגֶען. אָבֶּער אֲפִילוּ דֶעמָאלְט זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל אַז מִיר זָאלְן אַרָאפְּגֵיין נָאךְ אַ טְרֶעפְּל נִידְרִיגֶער, אוֹיבּ הַאלְטְסְטוּ שׁוֹין בַּיי דֶעם אַז דוּ וֵוייסְט אַז דוּ בִּיזְט גָארְנִישְׁט, זָאלְסְטוּ אַרָאפְּגֵיין נָאךְ אַ טְרֶעפְּל אוּן וִויסְן אַז דוּ

בִּיזְט גָארְנִישְׁט שֶׁבְּגָארְנִישְׁט... אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֵייעֶר גְרִינְג אוּן שְׁנֶעל טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

וֶוען מֶען רוּפְט דִיךְ אָן אָנְצוּטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ, וֶועסְטוּ זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוּן בַּאקוּקְן דִי זַאךְ מִיט אַ פַארְגְרֶעסֶערוּנְג גְלָאז, דוּ וֶועסְט זִיכֶער מַאכְן אַז יֶענֶע מִשְׁפָּחָה טוֹיגְט טַאקֶע, אוּן אַז עֶס פַּאסְט דִיר זִיךְ מְשַׁדֵךְ צוּ זַיין מִיט זֵיי. אוּן אוֹיב וֶועסְטוּ הֶערְן נָאר אֵיין פֶעלֶער אִין יֶענֶע מִשְׁפָּחָה, וֶועסְטוּ שׁוֹין גְלַייךְ אָפְּזָאגְן אוּן נִישְׁט וֶועלְן הֶערְן וַוייטֶער דֶערְפוּן. אוּן דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ פֶעלֶערְן, אוּן פַארְוָואס זָאל אַ צְוֵוייטֶער וֶועלְן זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט דִיר? יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט פֶעלֶערְן, נָאר דִי נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר זֶעט נָאר יֶענֶעמְ׳ס פֶעלֶערְן אוּן נִישְׁט דִי אֵייגֶענֶע.

לאמיר אַװעקלייגן די גאוה און כבוד אין אַ זייט, און זיך פאראינטערעסירן נאר אין די טובה פון די קינדער. און אויב הערט מען פון אַ שידוך וואס דער בחור אדער מיידל זעען אויס צו זיין וואויל און גוט, װעלן מיר טון דעם שידוך אפילו אויב די פאמיליע ארום און ארום איז נישט אַזוי מורא׳דיג, און מיר װעלן זיך נישט קענען אויפטון מיט דעם געלונגענעם שידוך; מיר װעלן זיך אבער יא קענען אויפטון פאר׳ן אייבערשטן אַז מיר האבן געטון וואס איז ריכטיג, מיר האבן געהאלפן און געראטעוועט אונזערע קינדער.

ה) ״מיין בחור איז נאך זייער יונג, ער האט נאכנישט אריינגעכאפט צו לערנען אזויפיל. ער דארף נאך זיצן אין ישיבה און לערנען די הייליגע תורה. אויב װעל איך אים יעצט חתונה מאכן, װעל

## אִיךְ מִיט דֶעם צוּכַאפְּן זַיינֶע שֵׁיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן וֶוען עֶר קֶען זִיךְ מַשְׁלִים זַיין אִין לִימוּד הַתּוֹרָה"

דָאס אִיז שׁוֹין דֶער פְּרוּמֶער יֵצֶר הָרַע, עֶר קוּמְט גָאר מִיט אַ פְּרוּמְקֵייט אוּן עֶרְלִיכְקֵייט, אַז דֶער בָּחוּר דַארְף נָאךְ זִיצְן עֶטְלִיכֶע יָאר אִין יְשִׁיבָה זִיךְ מַשְׁלִים צוּ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל הָאבְּן אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען בֶּעסֶער פוּן אוּנְז, חֲזַ"ל זָאגְן (קִדוּשִׁין כ"ט:) "יִשָּׂא אִשָּׁה וְאַחַר כָּךְ יִלְמַד תּוֹרָה", נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (פְּסָחִים קי"ב:) "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים". אִין תּוֹרָה קֶען מֶען זִיךְ מַשְׁלִים זַיין אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה. פַארְקֶערְט, נָאךְ דִי חֲתוּנָה, וֶוען דֶער בָּחוּר קֶען שׁוֹין הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, וֶועט עֶר מֶער מַצְלִיחַ זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי וֶועלְט זָאגְט "שַׁעֲרֵי תְּירוּצִים לֹא נִנְעֲלוּ", עֶס זֶענֶען דָא אִיבֶּערְגֶענוּג תְּירוּצִים וָואס עֶלְטֶערְן פַארְעֶנְטְפֶערְן זִיךְ פַארְוָואס זֵיי לָאזְן דִי קִינְדֶער זִיךְ עֶלְטֶערְן. מִיר הָאבְּן דָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט עֶטְלִיכֶע תְּירוּצִים, דִי לִיסְטֶע גֵייט אָבֶּער נָאךְ פִיל וַוייטֶער. דֶער אֱמֶת אִיז אַז דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְכֶע הָאבְּן רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן מֵיינֶען אֱמֶת'דִיג נָאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט זוּכְן קַיין שׁוּם תְּירוּצִים, נָאר וֶועלְן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער וִוי שְׁנֶעלֶער. ווִידֶער דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְכֶע טְרַאכְטְן מֶער פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע גַאֲוָה אוּן כָּבוֹד, זֵיי וֶועלְן שׁוֹין טְרֶעפְן גֶענוּג תְּירוּצִים פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען גֶערֶעכְט, ווִי זֵיי מֵיינֶען כְּלוֹמֶר'שְׁט נָאר דָאס גוּטְס פוּן דִי קִינְדֶער, אִין דִי צַייט וָואס דִי קִינְדֶער וֶוערְן

עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער אוּן חַלְשְ׳ן שׁוֹין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן פַאר אַזוֹי לַאנְג.

## ג.

אִין סֵפֶר תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ (רַבָּה, פֶּרֶק י״ח) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט טוּן פִּיל מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט. עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער, זֶעקְס זִין אוּן פִיר טֶעכְטֶער, אוּן יֶעדְן טָאג פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיסְשְׁטְרֶעקְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אֶמֶת׳דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, קֵיינֶער פוּן זֵיי זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם אִין עֲבֵירוֹת אוּן אִין מִיאוּס׳עֶ זַאכְן. עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן

מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, און נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֵיינְמָאל.

עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען מֶער פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶזְרָא הַסוֹפֵר הָאט צוּרִיק אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט דִי אִידְן פוּן בָּבֶל קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דֶער כֹּהֵן אִיז אוֹיךְ מִיטְגֶעגַאנְגֶען, און עֶר אִיז נִישְׁט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אֵיידֶער עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען זַיינֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְדוֹלִים און יוּנְגֶע כֹּהֲנִים בִּיז פוּפְצִיג יָאר, און אוֹיף אִים זָאגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים ל״ז, ג׳-ד׳) ״בְּטַח בַּה׳ וַעֲשֵׂה טוֹב שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה, וְהִתְעַנַג עַל ה׳ וְיִתֶּן לְךָ מִשְׁאֲלֹת לִבֶּךָ״.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי וַוייט עֶלְטֶערְן דַארְפְן זִיךְ זָארְגְן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וִוי שְׁטַארְק זֵיי דַארְפְן

מִתְפַּלֵל זַיין און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער; און וִוי וַוייט עֶס הֶעלְפְּט דִי הַארְצִיגֶע תְּפִלוֹת פוּן דִי עֶלְטֶערְן וָואס בֶּעטְן פַּאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דוּרְךְ דִי תְּפִלוֹת זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה צוּ זֶען פִיל אִידִישׁ נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ.

מֶען קֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן צוּ זֶען נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער אוֹיבּ טוּט מֶען גָארְנִישְׁט דֶערְצוּ, און סְפֶּעצִיעֶל וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף, דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זֶען זֵיי חֲתוּנָה צוּ מַאכְן וִוי פְרִיעֶר, צוּ טוּן אַלֶעס וָואס זֵיי קֶענֶען צוּ זוּכְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַּאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. און דֶערְוַוייל דַארְפְן זֵיי בַּארוּאִיגְן דִי קִינְדֶער, זֵיי דַארְפְן פַּארְזִיכֶערְן פַּאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען זָארְגְט זִיךְ פַּאר זֵיי. אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין רוּאִיג און וִויסְן אַז דִי עֶלְטֶערְן אַרְבֶּעטְן פַּאר זֵיי, און

זֵיי וֶועלְן נִישְׁט רוּעֶן בִּיז וֶוען זֵיי וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרֶעכְן טֶעלֶער בְּקָרוֹב.

אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ אֵייבִּיג גֶעפִירְט בַּיי אִידְן, ווִי נָאר דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַבִּיסְל אוּנְטֶערְגֶעוָואקְסְן הָאט מֶען גְלַייךְ גֶעזוּכְט פַאר זֵיי שִׁידוּכִים. עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן: "אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיס קַיין שִׁידוּכִים פַאר דִי אַכְצְן", אוּן דָאס גְלַייכְן, אַז מֶען זָאל בַּאשְׁטִימֶען אַ גֶעוִויסֶע עֶלְטֶער וָואס פַאר דֶעם ווִיל מֶען נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן קַיין שִׁידוּכִים. עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַלֶעמָאל גֶעוָואלְט חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער ווִי שְׁנֶעלֶער, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה פַאר דִי קִינְדֶער. הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ זַאךְ אַז מֶען יָאגְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען זוּכְט נִישְׁט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער אַזוֹי שְׁנֶעל, מֶען וֶועט עֶנְדֶערְשׁ וַוארְטְן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט. אוּן

דֶער אֱמֶת אִיז אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דָאס נָאךְ פִּיל מֶער וויכְטִיגֶער פַאר דִי קִינְדֶער ווִי אַמָאל.

חֲזַ״ל זָאגְן (בַּמִדְבָּר רַבָּה, פַּרְשַׁת נָשׂא, פֶּרֶק י״א, סִימָן י״ג) ״יְבָרֶכְךָ ה׳ בְּבָנִים, וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת, מְלַמֵד שֶׁהַבָּנוֹת צְרִיכוֹת שְׁמִירָה״, נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (סַנְהֶדְרִין ק:) ״בַּת לְאָבִיהָ מַטְמוֹנֶת שָׁוְא, מִפַּחְדָהּ לֹא יִישָׁן בַּלַיְלָה, בְּקַטְנוּתָהּ שֶׁמָא תִתְפַּתֶּה, בְּנַעֲרוּתָהּ שֶׁמָא תִזְנֶה, בָּגְרָה שֶׁמָא לֹא תִנָּשֵׂא״. עֶלְטֶערְן דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי טֶעכְטֶער, וַוייל אוֹיבּ דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ צוּ שְׁפֶּעט, קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אֵייבִּיג צוּרִיק דְרֵייעֶן דֶעם זֵייגֶער, אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי בָּחוּרִים, אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט זֵיי אוּן מֶען מַאכְט זֵיי נִישְׁט חֲתוּנָה בַּאצַייטְנְס, אִיז לֵיידֶער דָא הַיינְט אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע

זַאכְן אִין וָואס זֵיי קֶענֶען אַרַיינְפַאלְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, רַחֲמָנָא לִישֵׁיזְבָן.

אִין דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן, וֶוען דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי אָפְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶס פַאלְן לֵיידֶער אַוֶועק גְרוֹיסֶע שְׁטִיקֶער פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, זִיצְן אַזוֹיפִיל חֲכָמִים וּנְבוֹנִים אוּן טְרַאכְטְן אַלֶע סָארְט עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען רַאטֶעוֶוען דִי יוּגְנְט, אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען וֶועט קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל אוּן אָנְהוֹיבְּן חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, נָאךְ אֵיידֶער זֵיי פַאלְן אַרַיין אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועט מֶען רַאטֶעוֶוען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל. מֶען קֶען אָבֶער נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז יֶעדֶער וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן זֶען אַז דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג צוּ הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען דִי

קִינְדֶער, דֶערְוַוייל דַארְף יֶעדֶער טַאטֶע זַיין קְלוּג פַאר זִיךְ, אוּן זֶען חֲתוּנָה צוּ מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער וְוי פְּרִיעֶר, אוּן דַאן וֶועט עֶר שֶׁעפְּן פִיל אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי, עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי אִים דֶער פָּסוּק (תְּהִלִים קכ״ח, ג׳) ״בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ״, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אֱמֶת׳דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (עַיֵין יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן ר״מ, סְעִיף כ״ה, בְּדִבְרֵי הָרַמָ״א) אַז וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן זֵיי נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן, דַארְפְן זֵיי אַלֵיין זִיךְ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ. אוּן נָאךְ מֶער וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַז אוֹיבּ דָאס קִינְד טְרֶעפְט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מַסְכִּים דֶערְצוּ, מֶעג עֶר טוּן דֶעם שִׁידוּךְ אֲפִילוּ אָן רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן. אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען דִי

קִינְדֶער וֶוייסְן בַּיי זִיךְ אַז ווִי לֶענְגֶער זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַלְץ מֶער פַאלְן זֵיי אַרַיין אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אִיז זִיכֶער אַז זֵיי מֶעגְן זִיךְ אַלֵיין זוּכְן אַ שִׁידוּךְ אוּן זִיךְ חֲתוּנָה מַאכְן אַלֵיין לוֹיט זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד. דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט דִי לְכַתְּחִילָה׳דִיגֶער וֶועג, דִי קִינְדֶער ווִילְן דָאס נִישְׁט טוּן, אָבֶער אַזוֹי ווִי דִי בְּלוּט בְּרֶענְט אִין זֵיי, זֵיי שְׁפִּירְן ווִי זֵיי גֵייעֶן אַרָאפּ פוּן זִינֶען וַוייל זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, עֶס גֵייט אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ דָאס צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דֶערִיבֶּער קְלַאפְּט דָאס אוֹיס אוֹיף אַזַא וֶועג אַז דִי קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן וֶוערְן חוּצְפָּה׳דִיג קֶעגְן דִי עֶלְטֶערְן. אוּן דָאס דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן גוּט ווִיסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין, אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט שְׁלֶעכְט, זֵיי דַארְפְן פָּשׁוּט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן דַאן וֶועלְן זֵיי וֶוערְן בַּארוּאִיגְט אוּן

בַּאזֶעסְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֶען אַסאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי.

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר וָואס פְלֶעגְט מַאכְן אַסַאךְ צָרוֹת אוּן מַמָשׁ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי שְׁטָאט, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים. עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַרַיינְכַאפְּן אִין דִי שְׁטַאלְן פוּן דִי בְּהֵמוֹת אוּן צוּזַאמְבִּינְדֶען וֵויידְלֶעךְ, עֶר פְלֶעגְט עֶפֶענֶען דִי טִירְן אוּן לָאזְן דִי בְּהֵמוֹת אַנְטְלוֹיפְן, בַּיינַאכְט פְלֶעגְט עֶר צֶעבְּרֶעכְן פֶענְסְטֶערְס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר ווִילְד אוּן אָנְגֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע צָרוֹת פַאר יֶעדְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן דִי מֶערְסְטֶע גֶעלִיטְן פוּן אִים, אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין הַארְץ אַז

עֶר קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן פוּן דֶעם בָּחוּר וָואס מַאכְט אִים אָן אַזוֹיפִיל צָרוֹת.

הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעזָאגְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת: "מַאךְ אִים חֲתוּנָה וֶועט עֶר זִיךְ בַּארוּאִיגְן אוּן עֶס וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט". דֶער טַאטֶע הָאט גֶעפָאלְגְט אוּן גְלַייךְ גֶעזוּכְט אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין בָּחוּר אוּן אִים חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ פֵיינֶער אִינְגֶערְמַאן, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט גֶעהַאט פִיל נַחַת פוּן אִים.

ד.

מֶען קֶען אַמָאל הֶערְן פוּן עֶלְטֶערְן וָואס פַארְעֶנְטְפֶערְן זִיךְ מִיט אַ כְּלוֹמֶר'שְׁטֶע שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה: "נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שִׁידוּכִים, מִיר הָאבְּן זִיךְ גָארְנִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּמִישְׁן אִין דֶעם,

וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע מִינוּט וֶועט שׂוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְטֶערְשִׁיקְן אַ גוּטֶער שִׁידוּךְ, מִיר הָאבְּן זִיךְ גָארְנִישְׁט וָואס צוּ יָאגְן".

דָאס אִיז אָבֶּער בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאפוֹילְן אַז אַ טַאטֶע דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר אִיז מְחוּיָב זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין צוּ זוּכְן אַ גוּטֶער שִׁידוּךְ פַאר זַיינֶע בָּחוּרִים, אוּן טְרֶעפְן גוּטֶע בָּחוּרִים פַאר זַיינֶע מֵיידְלֶעךְ. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם פְלִיכְט אוּן זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שׂוֹין הֶעלְפְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אִיז דֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אוּן עֶר וִויל אַז מִיר זָאלְן טוּן אַלֶעס וָואס מִיר קֶענֶען צוּ חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער.

דֶערְנָאךְ קוּמְט דֶער צְוֵויייטֶער תֵּירוּץ אַז מֶען זוּכְט דַוְקָא דֶעם בֶּעסְטְן שִׁידוּךְ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶפֶּעס אַזַא סָארְט שִׁידוּךְ מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַזוֹינְס וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן און וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין, און מִיט דֶעם בַּארוּאִיגְט מֶען זִיךְ אַז וִוי לַאנְג עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען דֶער מֶעכְטִיגֶער שִׁידוּךְ, קֶען מֶען זַיין רוּאִיג אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי בַּאשֶׁערְטֶע.

וֶוען מֶען זוּכְט אַזַא סָארְט שִׁידוּךְ, וֶועט מֶען בְּלַייבְּן בַּיים זוּכְן... מֶען זוּכְט אַ בָּחוּר אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, וָואס וֶועט בְּלַייבְּן זִיצְן און לֶערְנֶען, מֶען זוּכְט אַ מֵיידְל וָואס פַארְשְׁטֵייט אַן עֵסֶק און זִי וֶועט קֶענֶען אַרְבֶּעטְן און פַארְדִינֶען שֵׁיין אַז דֶער מַאן זָאל קֶענֶען בְּלַייבְּן זִיצְן און לֶערְנֶען. דָאס אִיז אָבֶער זֵייעֶר נִישְׁט

אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף קוּקְן בַּיים זוּכְן אַ שִׁידוּךְ אִיז נָאר אוֹיף גוּטֶע אוּן פֵיינֶע מִדוֹת, אַ וואוֹילֶער בָּחוּר אוּן אַ וואוֹילֶע מֵיידְל וָועלְכֶע טְשֶׁעפֶּען נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן אוּן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִדוֹת טוֹבוֹת, וַוייל אִין דֶעם אִיז שׁוֹין אַלֶעס אַרַיינְגֶערֶעכְנְט, אוֹיבּ הָאט מֶען גוּטֶע מִדוֹת, הָאט מֶען אַלֶעס.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעזוּכְט אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער, עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דֶעם בֶּעסְטְן בָּחוּר, אַ בָּחוּר אַ מַתְמִיד עָצוּם וָואס הָאט גֶעקֶענְט זִיצְן אוּן לֶערְנֶען צְוֶועלְף אָדֶער פֶערְצְן שָׁעָה אַ טָאג אָן אוֹיפְהֶער, מַמָשׁ אַ בָּחוּר אַ מְצוּיָן וָואס מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט.

וֶוען עֶס אִיז אָבֶער גֶעקוּמֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶער פְּרֶא אָדָם, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעקְרִיגְט אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אֲפִילוּ גֶעהוֹיבְּן הֶענְט אוֹיףְ, אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם.

אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ פַאר אִים אַז עֶר אִיז דָא אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ בִּיטֶערֶע פְּלָאנְטֶער, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דֶעם בֶּעסְטְן בָּחוּר וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט דִי פְלַייסִיגְסְטֶע אִין יְשִׁיבָה, אוּן דָא אִיז עֶר אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַזַא פֶּרֶא אָדָם וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי אַ מֶענְטְשׁ, זוּ תּוֹרָה וְזוּ שְׂכָרָהּ?

הָאט אִים דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִיז טַאקֶע זֵייעֶר

חָשׁוּב און טֵייעֶר, דָאס אִיז אָבֶּער נָאכְנִישְׁט גֶענוּג, מֶען דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת, און דָאס הָאט זִיךְ דֶער בָּחוּר נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט. זַייעֶנְדִיג אִין יְשִׁיבָה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם נָאר מִיט זַיין סְטֶענְדֶער... אוֹיפְ׳ן סְטֶענְדֶער הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט, אוֹיפְ׳ן סְטֶענְדֶער הָאט עֶר אוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַיינֶע גֶעפִילְן, וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אַ שְׁטִיקֶל גְמָרָא הָאט עֶר גֶעהַאקְט אוֹיפְ׳ן סְטֶענְדֶער, און וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם סְטֶענְדֶער, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְקוּמֶען מִיט קֵיינֶעם נָאר מִיטְ׳ן סְטֶענְדֶער, און עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט מֶענְטְשְׁן״.

און דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶערָאטְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ גֶטְ׳ן נָאר מֶען זָאל טְרֶעפְן אַ קְלוּגְן אִיד וָואס זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר

דֶעם אִינְגֶעְרמַאן הִלְכוֹת דֶרֶךְ אֶרֶץ אַז עֶר זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט מֶענְטְשְׁן״.

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס זִיצְן אוּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג אִין יְשִׁיבָה, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה וִוילְן זֵיי מֶער נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ אִידִישׁ סֵפֶר. אוּן אַזוֹי אִיז דָא אוֹיךְ פַּארְקֶערְט, אַ בָּחוּר וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג פַאר דִי חֲתוּנָה, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז עֶר זִיךְ שֵׁיין מְסַדֵר אוּן אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, עֶס גֵייט אִים נִישְׁט דוּרְךְ אַ טָאג אָן לֶערְנֶען. וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר דִי קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, נִישְׁט אוֹיף רוּחְנִיוּת אוּן נִישְׁט אוֹיף גַשְׁמִיוּת. קוֹדֶם דַארְף מֶען זֶען חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט זִיךְ שׁוֹין אַלֶעס שֵׁיין מְסַדֵר זַיין. אוֹיב דֶער אִינְגֶעְרמַאן וֶועט טַאקֶע הַאלְטְן דֶערְבֵּיי צוּ זִיצְן

און לֶערְנֶען נָאךְ די חֲתוּנָה, וֶועט אִים די וַוייבּ שׂוין שְׁטֵיין צוּ דִי הַאנְט אַז עֶר זָאל דָאס קֶענֶען אויסְפִירְן. מֶען קֶען אָבֶער נִישְׁט אויפְהַאלְטְן אַ שִׁידוּךְ וַוייל מֶען וַוארְט נָאר אויף אַ בָּחוּר אַ מַתְמִיד וָואס זִיצְט און לֶערְנְט.

## ה.

אַ זַאטֶער מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אַ הוּנְגֶערִיגְן מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז דֶער נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר אִיז אִין אַ צָרָה, וֶוען עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, וֶועט עֶר דָאס גוּט פַארְשְׁטֵיין, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן זִיךְ אַרויסְצוּדְרֵייעֶן פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, און עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן אויךְ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם. ווִי נָאר אָבֶער עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אַרויס פוּן דִי צָרָה, וֶועט עֶר גַאנְץ שְׁנֶעל פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן, און עֶר וֶועט שׂוין

נִישְׁט קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אַ צְוֵוייטְן וֶועלְכֶער הָאט נָאךְ יָא דֶעם זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ צַדִיק וָואס אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי פְּרָאסְטִיגֶע ווִינְטֶער נֶעכְט צוּזַאמְצוּקְלַייבְּן נְדָבוֹת פַאר אִידְן וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן הָאלְץ אָנְצוּאוַוארִימֶען זֵייעֶרֶע הַייזֶער. אֵיין נַאכְט הָאט עֶר אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט צוּ אַ אִיד אַן עוֹשֶׁר, דֶער אִיד אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּם טִיר אִין דִי קַאלְטֶע נַאכְט, אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִיק אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין דִי פֵיינֶע וַוארִימֶע הוֹיז אוּן דָארְט וֶועט עֶר הֶערְן וָואס דֶער צַדִיק וִויל אִים בֶּעטְן. דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶע׳עַקְשָׁנְ׳ט אַז עֶר וִויל דַוְקָא רֶעדְן מִיט אִים אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אִינְדְרוֹיסְן בִּיז וֶוען דֶער עוֹשֶׁר הָאט שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר גֵייט

אוֹיס פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע קֶעלְט, אוּן דַאן הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט אַז עֶר קְלוֹיבְּט צוּזַאם נְדָבוֹת פַאר אָרִימֶע אִידְן וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן הָאלְץ, אוּן זֵיי מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוערְן גֶעפְרוֹירְן אִין דִי שְׁוֶוערֶע קֶעלְט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער עוֹשֶׁר הָאט זִיךְ וַואוּרִים אָנְגֶערוּפְן מִיט גָאר אַ שֵׁיינֶע נְדָבָה, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער צַדִיק הָאט דַוְקָא גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים נָאר אִינְדְרוֹיסְן אִין דִי בִּיטֶערֶע קֶעלְט. הָאט אִים דֶער צַדִיק עֶרְקְלֶערְט אַז זִיצְנְדִיג אִינֶדערְהֵיים אִין אַ וַוארִימֶע שְׁטוּבּ, וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל אִין דִי וֶועלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין דֶעם אָרִימַאן וָואס פְרִירְט פַאר קֶעלְט אִין זַיין הוֹיז. נָאר וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן אוּן גֶעשְׁפִּירְט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע הוֹיט דִי צִיפֶּעדִיגֶע

קֶעלְט, נָאר דַאן הָאט עֶר גֶעקֶענְט הָאבְּן אֱמֶת׳דִיג אַ מִיטְגֶעפִיל מִיט דֶעם אָרִימַאן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער. פַאר דִי עֶלְטֶערְן – וֶועלְכֶע הָאבְּן שׁוֹין בָּרוּךְ ה׳ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אַסַאךְ יָארְן – אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע ווִילְן אוֹיךְ חֲתוּנָה הָאבְּן. וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן גוּט אַרַיינְטְרַאכְטְן, וֶועלְן זֵיי זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען יוּנְג אוּן הָאבְּן גֶעוואוֹינְט בַּיי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן דִי צַעַר אַז זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַזוֹי רוּאִיג אוּן יָאגְן זִיךְ נִישְׁט חֲתוּנָה זֵיי צוּ מַאכְן. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַזוֹי גְלַייכְגִילְטִיג אוּן טוּעֶן נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶעגְלִיךְ זֵיי חֲתוּנָה צוּ מַאכְן. זֵיי זִיצְן רוּאִיג מִיט דִי

פִּיס אַרוֹיף, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף יִחוּס, אוֹיף כָּבוֹד אוּן גֶעלְט, אוּן כַאפְּן נִישְׁט ווִי דִי קִינְדֶער וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט. אִין יֶענֶע יָארְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוען זֵיי וֶועלְן הָאבְּן קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זֵיי חֲתוּנָה צוּ מַאכְן ווִי פְּרִיעֶר, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אַרוּמְשְׁלֶעפְּן דִי צַייט מִיט פוֹילֶע תֵּירוּצִים אַז זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ, אוּן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דָאס גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער גֶעהָאלְפְן אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֶעלָאפְּן פִילֶע יָארְן אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אוֹיךְ גְרוֹיסֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע דַארְפְן שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי שׁוֹין לַאנְג פַארְגֶעסְן פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע צוּזָאג, יֶעצְט הָאבְּן זֵיי שׁוֹין אַלֵיין אוֹיךְ אַ

זַאק מִיט תִּירוּצִים פַּארְוָואס זִיךְ נִישְׁט צוּ יָאגְן חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער, זֵיי פַּארְשְׁטֵייעֶן שׁוֹין יֶעצְט בֶּעסֶער, זֵיי וֵוייסְן שׁוֹין אַז עֶס וֶועט אֶפְשָׁר זַיין צוּ שְׁוֶוער פַאר דִי קִינְדֶער צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אַזוֹי פְּרִי, זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער.

גֶעדֶענְק וָואס דוּ אַלֵיין הָאסְט זִיךְ צוּגֶעזָאגְט וֶוען דוּ בִּיזְט גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל. דַיינֶע קִינְדֶער שְׁפִּירְן יֶעצְט דֶעם זֶעלְבְּן צַעַר אוּן נָאךְ פִּיל מֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער. לֵייג אַוֶועק דַיין כָּבוֹד אוּן גַאֲוָה אִין דִי זַייט, וַוארְף אַוֶועק אַלֶע נַארִישֶׁע תִּירוּצִים, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין קִינְד אוּן מַאךְ אִים חֲתוּנָה וִוי פְּרִיעֶר!

וֶוער הָאט דִיר גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ טֵייעֶרֶע חֲתוּנָה וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן אוּן דֶערִיבֶּער

שְׁטוּפְּסְטוּ עֶס אָפּ וִוי מֶער? פַאְרְוָואס דַארְף מֶען קוֹיפְן אַזוֹיפִיל טֵייעֶרֶע מֶעבְּל און שְׁטָאפִיר? פַארְוָואס דַארְף מֶען מַאכְן טֵייעֶרֶע אַיינְלַאדֶענוּנְגֶען? פַארְוָואס דַארְף מֶען רוּפְן דִי הַאלְבֶּע שְׁטָאט צוּ דִי חֲתוּנָה, אִין אַ טֵייעֶרֶע זַאל, מִיט אַלֶע אִיבְּרִיגֶע טֵייעֶרֶע פַארְשְׁוֶועְנְדֶענִישְׁן? פַארְוָואס דַארְף מֶען קוֹיפְן טֵייעֶרֶע צִירוּנְגֶען און טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת?

מֶען דַארְף טְרַאכְטְן און הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן דֶער עִיקָר צִיל אַז דִי קִינְדֶער דַארְפְן חֲתוּנָה הָאבְּן, און מֶען ווִיל זֶען פוּן זֵיי אִידִישׁ נַחַת אַז זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן. דִי פִילֶע גֶעלְט וָואס מֶען גֶעבְּט אוֹיס אוֹיף דִי חֲתוּנָה, אִיז בְּעִיקָר נָאר פַאר דִי כָּבוֹד פוּן דִי עֶלְטֶערְן וָואס וֶועלְן זִיךְ שְׁפִּירְן גוּט און זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז מֶען וֶועט זֵיי שְׁטַארְק אַרוֹיפְקוּקְן

צוּלִיבּ דֶעם. וֶוען עֶס גֵייט אָבֶּער אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט שׁוֹין יֶעדֶער פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן אוּן מֶען הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

לָאמִיר טְרַאכְטְן פוּנֶעם עִיקָר, דֶער בָּחוּר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אוּן אִיז אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע פַארְכַאפְּט צוּ וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, דִי מֵיידְל דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אוּן קֶען אוֹיךְ זֵייעֶר גְרִינְג אוּן שְׁנֶעל טְרֶעפְן שְׁלֶעכְטֶע חַבֶר'טֶעס וָועלְכֶע וֶועלְן אִיר אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן אִין אֵיין מִינוּט. אֲפִילוּ אִין דִי בֶּעסְטֶע יְשִׁיבוֹת אוּן בָּתֵּי חִינוּךְ זֶענֶען לֵיידֶער שְׁטֶענְדִיג פַארְהַאן פַארְדָארְבֶּענֶע קֶערְלֶעךְ וֶועלְכֶע זוּכְן צוּ פַארְדַארְבְּן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע. קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. עֶלְטֶערְן דַארְפְן עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן אוּן זִיךְ אַרוּמְקוּקְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי זֵייעֶרֶע קְרוֹבִים, חֲבֵרִים, אוּן בַּאקַאנְטֶע,

וִויפִיל פון זֵיי בַּאוֶויינֶען זֵייעֶרֶע יָארְן אַז זֵיי הָאבְּן לֵיידֶער פַארְלוירְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. לָאמִיר רַחֲמָנות הָאבְּן אויף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער און זֵיי רַאטֶעוֶוען בַּאצַייטְנְס אֵיידֶער עֶס אִיז שׁוין צוּ שְׁפֶּעט. פון דִי בִּיסְל נַארִישֶׁע כָּבוֹד פון זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַאר דִי שְׁטָאט אַז מִיר מַאכְן גֶעלוּנְגֶענֶע שִׁידוּכִים און שֵׁיינֶע חֲתוּנוֹת, פון דֶעם וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן; אויבּ אָבֶּער וֶועלְן מִיר שְׁנֶעל און יוּנְג חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אִין אַלֶע דורות אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער וִוי יוּנְגֶער און שְׁנֶעלֶער, וֶועלְן מִיר זֶען פון זֵיי פִיל אִידִישׁ נַחַת פַאר לַאנְגֶע יָארְן און פִילֶע דורות.

ווארוּיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְכֶע הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל, זֵיי וֵוייסְן וָואס אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן אֱמֶת׳דִיג לִיבּ דִי קִינְדֶער און ווילְן

נָאר דָאס וָואס אִיז גוּט פַּאר זֵיי, זֵיי מַאכְן חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער וִוי יוּנְגֶער אוּן וִוי שְׁנֶעלֶער; וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, עֶס וֶועט זִיךְ וַוייטֶער צִיעֶן בַּיי זֵיי דִי גָאלְדֶענֶע קֵייט, דִי קִינְדֶער וֶועלְן וַוייטֶער גֵיין אִין דֶעם אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן אוּר עֶלְטֶערְן מִדוֹר דוֹר בִּיז צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זֵיי וֶועלְן זֶען פִּיל אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן קִינְד׳ס קִינְדֶער, אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

הספר הקדוש הזה נדפס לע"נ

אליעזר בן יום טוב ז"ל

יעקב חיים ישורון בן אליעזר ז"ל

ת.נ.צ.ב.ה

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יחזקאל בן רחל פייגא נ"י

וזוגתו

הענדל בת שיינדל תחי'

**ובנם**

נחמן נתן נ"י

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, אמן כן יהי רצון.